א .מ .דיק.

# כײַציקל אליין.

איינע שיינע און ווארע געשיכטע, וואָס עס האָט זיך געטראָפן אין דער שטאָט אילון [1]) פאר א יאָר פינף און צוואנציק. עס איז דערפון צו לערנען מוסער און דערעכערעץ און ווי אזוי עלטערן זאָלן זייערע קינדער דערציִען. מיר האָבן דאָס מאטיק געווען פון דער רײַזע־באַשרײַבונג פון ר׳ שלוימע פורקער פון האנאָווער, וואָס האָט געריַיזט אין יענער צײַט דורך דיזע לענדער, ער האָט זעלבסט דאָס געזען און האָט דאָס ריכטיק באַשריבן.

מאת א. מ. דיק.

ווילנע 1887 (איבערגעדרוקט פון דער אויסגאבע : ווארשע 1864).

למען הראות לך קוראה נעימה מה גדלו דברי המשל הקדמוני, אום צו ווײַזן דיר, מײַנע טײַערע לעזערן, ווי וויכטיק און ווער עס זײַנען די רייד פון דעם אלטן שפריכוואָרט: עס איז די גרעסטע קונץ צו זײַן פאָטער און מוטער, דאָס הייסט, קינ־דער צו ערציִען, און דאָך נעמען זיך דאָס אלע אָן,—מוז איך דיר דאָ באַשרײַבן איין קליינע געשיכטע פון איין געוויסן ר׳ שמערל שיפער, ווי אזוי ער האָט ערצויגן זײַנעם א בעניאָכיד, וואָס מען האָט אים גערופן כײַציקל. ער האָט געמיינט אים און זיך גליקלעך צו מאכן און האָט דורך זײַנע נארישע ערציִונג און אופירונג געמאכט אומגליקלעך זיך און אים און, נאָך מער פאר זיי ביידע, זײַן ווײַב, דען זי איז דורך דעם אוועק פון דער וועלט פאר דער צײַט און האָט געלאָזן דורך איר אומגליק נאָר איין בײַשפיל פאר אנדערע פרויען, דאָס עס זאָל זיך זיי ניט גלוסטן צו גלענצן צווישן גרויסע מענטשן, און מען זאָל זיך נישט ווײַזן פאר אנדערע, אז זיי זאָלן גלויבן, דאָס מען איז זייער געהויבן.

———

לפני עשרים וחמש שנה, פאר א יאָר פינף און צוואַנציק האָט געוווינט אין דער שטאָט אילון איין געוויסער נאָגיד ר׳ שמערל שיפער. דאָך אָבער, מײַנע טײַערע לעזערן, ווען דו פארשטייסט לאָשן האקוידעש פילײַכט, זאָלסטו נישט מיינען, אז ער וואר איין פירשט בעעמעס, ווי דער וואָרט נאָגיד באַטײַטעט אף לאָשן האקוידעש. ניין! בא אונדז איז אונטער דעם וואָרט נאָגיד געמיינט גאָר א פראָסטער מענטש, וואָס ער קאָן זײַן אויך פון איין אָרדענערע פאמיליִע, נאָר ער איז רײַך און האָט אפולע געלט, אָדער אזוי גאָר, ווען ער קאָן מאכן, אז מען זאָל מיינען, דאָס ער איז רײַך און האָט אפולע געלט. אף אזוי איין אויפן וואר אונדזער ר׳ שמערל אויך איין נאָגיד, נאָר ער איז געווען איין יודייש סייפער און פון ערלעכע עלטערן, וואָס ווארען קליינע פאבריקאנטן, דען זיי האָבן געהאט איין פאבריקל פון וואָלענע קאפעלושן, מיצקעס, זאָקן און הענטשקעס. דערצו האָבן זיי נאָך גוט פארשטאַנען פארבערײַ, און אז זיי זײַנען געשטאָרבן, האָט דער ר׳ שמערל דעם פאבריקל איבערגענומען און האָט דאָס זייער גוט אײַנגעריכטעט און האָט זיך געלעבט זייער רויִק און צופרידן. דען

1) פארשטעלט : ווילנע.



ער האָט געהאט דערפון, וויפל ער האָט געב־יכט אף זײַן פארנאָסע, און ער האָט גאָר ווייניק גערדארפט. און ווײַל די מעלאָכע איז זייער שטארק פארבונדן מיט דעם האנדל פון וואָל, פלעגט עס זיך אָפט מאכן, אז וואָל פלעגט זיך הויבן, און ער, וואָס ער פלעגט אלע מאָל האָבן זייער פיל זאַפאס, פלעגט ער אלע מאָל פארדינען צוויי אָדער דרײַ הונדערט רענדלעך, און אי־ זיך אזוי מיט דער צײַט ביסלעכווײַז געוואָרן גוט אין שטאנד, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אף אים, אז ער איז איין נאָגיד. און ער, וואָס ער האָט בא זיך געוווּסט, ווי ווײַט עס פעלט אים נאָך צו א נאָגיד, האָט ער נאָך געמוזט האלטן זײַן פאבריקל און איז זיך אזוי פון יאָר צו יאָר געוואָרן רײַכער און רײַכער אין פארמעגן. דאַ־רך האָט ער זיך באשלאָסן צו בלײַבן א פאבריקאנט, קאָלזמאן ער וועט לעבן. דען ער האָט געוואָלט מעקאיעם זײַן דעם פארזאָג פון אונדזערע כאכאָמים (אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות), דאָס הייסט: ליב האָב די ארבעט און האָב פײַנט די גרויסקײַט.

אך אשתו לא כן דמתה, אָבער זײַן ווײַב קונע האָט נישט אזוי געמיינט, ווי ער. בא דעם ערשטן שטיקל פארדינסט האָט זי זיך באַלד געקויפט א בינטל פערל; בא דעם צווייטן פארדינסט האָט זי ארײַנגעכאפט גוטע דימאנטענע אוירינגלעך, פינגערלעך, און האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צײַט צו סטרױַען אף דעם נעגידעשן אויפן און האָט זיך שוין אָנגעהויבן בא זיך גרויס צו האלטן, און האָט אָנגעהויבן גיין רײַך געקליידט. און מיט דער צײַט האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן צו שעמען מיט איר פארנאָסע; עס איז איר שוין נישט אָנגעשטאנען, אז מען זאָל איר רופן קונע די פארבערקע, קונע די קאפעלושניצע, קונע די הענטשקעמאכערן. ניין, — האָט זי אמאָל געזאָגט צו איר מאן נאָך א פריילעכן בריוו, וואָס עס איז אָנגעקומען פון פרײַסן, — גענוג מיר זאָלן זיך שמירן ארום דעם קעסל און צו גיין מיט שווארצע הענט, ווען מיר זײַנען שוין אין שטאנד צו גיין מיט ווײַסע הענט. ניט צו פארזינדיקן, מיר זײַנען שוין לײַטן גלײַך, מיר קאָנען שוין אונדזער שטעטל באשטײַ אָן דער זיסער פארנאָסע. ר׳ שימשן דעמביצער איז, כ׳לעבן, נישט רײַכער פאר אונדז, און פונדעסטוועגן וועט ער נישט וועלן טון א שידעך מיט אונדז, און דאָס איז נאָר מער נישט איבער אונדזער פאר־פלוכטן קעסל. איז מײַן אייצע אזוי, אז מיר זאָלן אונדזער פאבריקל צושליסן און מיר זאָלן אונדזער וואָל־געשעפט פארגרעסערן. מיר וועלן האנדלען אין פרײַסן; מיר וועלן קריגן א שעם, ווי אלע סאָכרים, דען עס שטייט אונדז דאָס מער אָן, ווי אנ־דערע סאָכרים, וואָס זײַנען פריִער געווען מעשאָרסים און דינסטן.

כדברים האלה, אזעלכע רייד האָט זי אים שטענדיק ארײַנגערעדט אין די אויערן, ביז זי האָט עס בא אים געפּויעלט, און האָט צוגעמאכט דאָס פאבריקל און האָט אָנ־געהויבן צו האנדלען גאָר זייער גרויס, און טכילעס מיט וואָל אליין און דערנאָך מיט טוך אויך, און עס איז אים זייער גוט געגאנגען. וואָס א יאָר איז ער אלץ געוואָרן רײַכער און רײַכער. אָבער דערצו איז געוואָרן זייער פירונג שארפער, און האָט מיט דער צײַט גע־קראָגן איין נאָמען פון א גרויסן נאָגיד און איז געוואָרן געאכטעט באלײַטן. און אין א צײַט פון א יאָר אכט האָט מען שוין פארגעסן, אז ער איז אמאָל געווען א באלמעלאָכע.

לבד זה [1]) האָט זיך אים געמאכט איינע גוטע געלעגנהײַט צו האָבן בא זיך אין שטוב די גרעסטע לײַט פון שטאָט, ווײַל זײַן ווײַב קונע האָט אים געבוירן א ייִנגל. האָט ער געמאכט איין ברייטן בריס מיט זייער א גרויסן מאזלטאָוו. און ווער גייט

1) כוץ דעם.

וכן היה, און אזוי איז געווען. צומאָרגן האָט ר׳ שמערל געמאכט איין שארפע טנאָים. עס זײַנען געווען אײַנגעלאדן די גרעסטע לײַט. פאר גוטע פרײַנט האָט מען געמאכט איין שרעקלעכן מאָלצײַט. דער באל-קויעך האָט באקומען צען דוקאטן, לע־וואד[1] קליינע מאטאָנעס; די שאדכאָנים האָבן געכאפט פופציק רענדלעך, און דער מויציטער האָט אויך גענוג גענומען. אף איבערמאָרגן איז זיך דער באל־קויעך אוועק־געפאָרן און האָט אוועקגעפירט מאטאָנעס די קאלע פאר וויפל הונדערט רובל. אין א כוידעש ארום האָט מען אײַנגעלייגט דאָס געלט, מער ווי צוויי טויזנט רובל, און כײַציקל האָט באקומען איין גאָלדענעם זייגער מיט זילבערנע באטים[2]. און ר׳ שמערל מיט זײַן ווײַב ווא̇רן פריילעך, ווײַל זיי האָבן שוין זייער קינד פארזאָרגט. און בא דעם מויציטער וואר דער עק גאנץ פאריסן; עס איז מיט אים גאָרנישט געווען צו ריידן. ער פלעגט צו דערציילן זײַן ניצאָכן, וואָס ער האָט אויסגעפירט קעגן דעם ר׳ שעפסלען, ווי איינער, וואָס דערציילט עפּעס פון גוורעס און ניפלאָעס[3].

אָבער דיזע פריידע האָט ניט לאנג געדויערט, דען דער שכיזער מעכוטן איז אין א פּאָר כאדאָשים ארום געוואָר געוואָרן, דאָס ר׳ שמערל איז גאָר א באלמע־לאָכעס א זון, און ער אליין איז אויך געווען א פארבער, און דאָס איז אים גאָר־נישט אָנגעשטאנען. האָט ער אָפּגעלאָזט דעם שידעך. האָט דאָס דעם ר׳ שמערלן מיט זײַן ווײַב זייער געקרענקט. דערצו האָט דאָס זיי געקאָסט גענוג מי און געלט ביז זיי האָבן אָפּגענומען די מאטאָנעס און די שלישים[4]. דער מויציטער האָט געמוזט פאָרן קיין שכיז און האָט געהאט דין־טוירעס[5] און קלאָפּאָט, ביז ער האָט אלץ מויציע געווען[6]. נון, איז דער מויציטער נאָך מער טאקעף געוואָרן בא זײַנע באלע־באטים. זיי האָבן אים אָרענטלעך באלוינט דערפאר באזונדער און האָבן אים שוין נישט געוואָלט פון זיך אוועקלאָזן, ביז כײַציקל וועט כאסענע האָבן אין א גוטן־אויפן.

לא ארכו הימים, עס האָט נישט לאנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן גאָר אף דאָסנײַ כײַציקלען צו ריידן שידוכים, און ער איז ווידער געוואָרן איין כאָסן מיט אזוי איין שווערענעס, ווי פריִער, נאָר דער אָפּלאָזן איז שוין געווען פיל גרינגער. און אזוי איז געשען אמאָל זעקס, און יעדער שידעך האָט אלץ געקאָסט שאדכאָנעס און הויצאָעס־האטנאָים[7], און אָפּט אויך נאָך קנאס[8]. און אָן דעם מויציטער האָט זיך קיין שידעך נישט אָנגעהויבן און נישט אויסגעלאָזט, און אלץ נישט אומזונסט. ביז עס איז געקומען א גרויסער לאנד־שאדכן פון וואָלינען און האָט געמאכט איין ענדע צו די צאָרעס, דען ער האָט פאָרגעשלאָגן דעם ר׳ שמערלען איין שידעך פון בראָד מיט איין געוויסן נאָגיד און איין יאכסן ר׳ שימשן סאנדעגורער. ער האָט געהאט איין מיידל די יונגסטע, איין מוזינקע, זייער איין שיינע און איין געלערנטע. האָט זיך אים געוואָלט איר געבן איין מאן איין ליטווישן ייִנגל, וואָס זאָל זײַן איין ווילער און פון רײַכע על־טערן. ער מעג זײַן אין ייִכעס נישט אזוי געהויבן, נאָר פון איין פרום הויז, און דער כאָסן זאָל זײַן איין מאסמיד[9], דען די בראָדער ייִנגלעך וואָרן שוין אין יענער צײַט האלבע דײַטשן און האלבע פראנצויזן אף די הײַנטיקע מאָדע, און אים האָט זיך גע־וואָלט איין אלט־מאָדישן ייִנגל. דיזער שאדכן האָט דעם ר׳ שימשן פאָרגעשטעלט דעם

1) אָכוץ. 2) שיידלעך צו טפילן. 3) העלדישקײַטן און וווּנדער. 4) אייגעלייגט געלט. 5) לאָדענישן באם ראָוו. 6) אויסגעפירט. 7) טנאָים־קאָסטן. 8) שטראָף־געלט פאר נישט האלטן דעם שידעך. 9) א פלײַסיקער געמאָרע־לערנער.



כײַציקל פאר אזוי איין קינד, ווי ער ווינטשט זיך אליין, מיט אלע מײַלעס, און דער פאָטער גיט אויך נאָדאן טויזנט דוקאטן. צוויי כאדאָשים האָט געדויערט איידער מע האָט זיך צוזאמענגערעדט דורך בריוו. דערווײַלע איז דער שאדכן געזעסן בא ר שמערלען אין שטוב אף אלעם גוטן. קורץ דערפון,—דער שידעך איז אויסגעפירט גע־וואָרן. עס איז געקומען איין באל־קויעך פון בראָד און האָט פארהערט דעם כאָסן, און עס האָט געגליקט, דען ער האָט גראָד מיט אים גערעדט אזוי איין איניען, וואָס ער האָט שוין אמאָל געלערנט. דערבײַ האָט דער באל-קויעך אויך וואָס אײַנגענומען, איז ער גאנץ ווייך געוואָרן. נון וואר איבעריײַעס גרויסע טנאָים, דאָס די שטאָט האָט געקלונגען. עס האָבן אים פיל נעגידים מקאנע געווען מיט דעם שידעך.

אף דיזע טנאָים בין איך, שרײַבער פון דיזע געשיכטע, אויך געווען אײַנגעלאדן, דען צוליב געשעפט־זאכן בין איך געוואָרן איין אײַנגייער דאָרט אין שטוב פון עט־לעכע כאדאָשים.

ויהי, און עס וואר, אז דער אוילעם האָט אָנגעהויבן צו גיין אהיים, איז צו מיר צוגעגאנגען דער מויציטער און האָט מיך געבעטן אין ר׳ שמערלס נאָמען, דאָס איך זאָל נאָך איין קליינע ווײַלע בלײַבן. האָב איך געמיינט, פילײַכט וויל מען מיך דאָ דערהאלטן אף איין גוט גלעזעלע מאשקע, האָב איך געווארט. ווי אלע זײַנען שוין אוועקגעגאנגען, איז צו מיר צוגעגאנגען ר׳ שמערל מיט דעם מויציטער און האָבן מיך געבעטן, אז איך זאָל מאכן איין לאָשן־קוידעש-בריוו דעם מעכוטן אין דעם כאָסנס נאָמען. און איך, וואָס איך האָב גוט געוווּסט, וואָס פאר איין טויגעניכטס ער איז, דער טאלמיד מיט דעם רעבן צוזאמען, איך האָב מיך געמאכט גאָרניט ווּיסנדיק און האָב געזאָגט צו דעם מויציטער.

— און איר אליין זענט קליין איין בריוו צו שרײַבן?

— פארשטייט איר מיך,—האָט ער אָפּגעענטפערט, רויט ווערנדיק,—איך בין דאָך עפּעס פון די ליטווישע אילוּיִם, וואָס פארנעמען זיך נאָר מיט לערנען אליין. בא אונדז איז כאריפעס איין באזונדערע זאך און שרײַבעכץ איין באזונדערע זאך. איך וואָלט אויך מער ניט האָבן וואָס צו טון, נאָר צו פארנעמען זיך ווי איין קליין ייִנגל מיט טענטלערײַ, איין שיינער מאסע-אומאטן[1] וואָלט עס געווען פאר מיר!

קורץ דערפון,—איך האָב ניט געוואָלט מיט אים אריינגיין אין ווײַטע וויקוכים; איך האָב אים געמאכט דעם בריוו און האָב איך איבערגעלייענט פאר זיי. עס האָט אים אָבער קיינער נישט פארשטאנען, נישט דער מויציטער, נישט כײַציקל און ניט דער פאָטער. נאָכדעם האָט מען די גאנצע נאכט געשוועכט.

כײַציקל איז געווען אין זעכצנטן יאָר, אָן שׂיכל, אָן געזונט, אָן ייִראס־שאָמאַיִם[2], אָן דערעכערעך,[3] אָן טוירע, אָן כאָכמע[4], אָן מוסער, אָן איין פעדער, מיט איין בלאס פּעניםל, דען פון עלפטן יאָר אָן האָט ער שוין אלץ געדענקט פון איין ווײַב און דאָס שאט זייער צו דער געזונטהײַט, ווי אונדזער געמאָרע זאָגט (הרהורי עבירה קשה מעבירה גופא): דאָס דענקען און טראכטן פון דיזן שענדלעכן איניען שאדט פיל מער, ווי די אוויירע זעלבסט. אָ, איר טאטעס און מאמעס, היט אײַערע יונגע קינ־דער, דאָס זיי זאָלן פון דעם איניען ניט געוואָר ווערן, וואָס איז זייער געפערלעך צום גוף און צום נעפעש, וואָס פארצערט דעם קערפּער און שמוצט אײַן די זעלע

1) געשעפט. 2) גאָטס-פאָרכטיקייט. 3) דערצויגנקייט. 4) וויסן.

געדענקט, דאָס ער וועט דאָרטן קיין קיעם האָבן. אזוי האָבן זיי זיך איין גאנצן וועג אלץ געשלאָגן מיט די געדאנקען און זײַנען שיר מעשוגע געוואָרן טראכטנדיק, דאָך פאר מענטשן האָט מען געוויזן איין פריילעך פּאָנעם. מען איז נאָך אראָפּגעפּאָרן פון וועג צו זען זיך מיט ווײַטע קרובים, רײַכע, און זיי צו דערציילן, מיט וועמען זיי האָבן געטון. מען האָט דאָרטן אף דאָס נײַ געהוליעט, און די רענדלעך זײַנען געפלויגן ווי שפּענדלעך. דערבײַ איז געווען זייער איין שלעכטער וועג. זיי האָבן זיך געשלעפּט צו פיר—פינף מײַל א טאָג, דען זיי זײַנען געפאָרן זייער שווער מיט גרויסע מאסאָעס, קאסטנס מיט זאכן, און דערבײַ צען פּאסאזשירן. עס האָט די רײַזע געדויערט צוריק א וואָך זיבן — אכט.

קורץ דערפון,—זיי זײַנען געקומען קיין לינאָווע צוועלף באנאכט, זייער מיד, און בא די ראָגאטקעס האָבן די סטראזשניקעס זיי געגעבן מאזלטאָוו, און זיי האָבן זיי געטיילט לעקעך און בראָנפן און האָבן זיי דערציילט די גרויסקייט פון דעם שידעך. אָבער די סטראזשניקעס האָבן זיך קוים אײַנגעהאלטן פאר לאכן, דען עס איז געווען פון וואָס צו לאכן, ווי דו וועסט באלד זעלבסט זען. נון, איז ר׳ שמערל מיט זײַנע לײַט ארופגעפאָרן צו זיך אף דעם הויף און האָבן געדאנקט און געלויבט, אז זיי האָבן זייערע ביינער געבראכט אהיים, ווײַל דער וועג וואר זייער שלעכט צו פאָרן, נישט מיט רעדער און נישט מיט שליטנס.

וימצאו, זיי האָבן אָבער געפונען די טירן מיט די לאָדן בא זיך אינגאנצן פארהאקט. האָט ר׳ שמערל אליין אָנגעקלאפּט אין טיר איין מאָל און צוויי מאָל ביז עס האָט זיך אָפּגערופן עפּעס א קינדערש באקאנט קאָל:

— ווער קלאפּט דאָס אין האלבע נאכט?

— מיר זײַנען שוין געקומען פון דער כאסענע,—האָט קונע געענטפערט מיט איין צעשראָקענער שטימע.

— איין שיינער שוין,— האָט זיך אָפּגערופן יענס קינדיש קאָל,— איך האָב געמיינט, דאָס איר זײַט אלע אויסגעשטאָרבן, מען זאָל זיך אזוי פיל זאמען!

— ווער איז דאָס עפּעס דאָרט פאר איינער, וואָס כאָכמעט זיך מיט אונדז,— האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שמערל, ווי איין צעמישטער, דען דאָס הארץ פון איין מענטשן איז איין זייגער,— עפּנט געשווינד, מיר זײַנען פארפרוירן.

— פּאָטער, גאָר א נײַס, זיי דערקענען מיך שוין גאָרניט,— האָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב,— צען יאָר האָט כויזעק געוווינט מיט זײַן ווײַב און האָט איר דערנאָך נישט דערקענט.

דאָ איז שוין געוואָרן ר׳ שמערל שטארק אין קאס און האָט איין קלאפּ געטאָן מיט דעם פוס אין טיר און זאָגט:

— וועסט מיר נישט זאָגן אף דער שטעל, ווער דו ביסט, און עפענען גלײַך די טיר, אזוי וועל איך הייסן אופברעכן די טיר און דיך בינדן לאָזן. עס מוז דאָ עפּעס נישט קיין גלאטע זאך זײַן; ווי קומט צו מיר אין שטוב ארײַן עפּעס איין יונגאץ? איך גיב קיין צוויי גראָשן, דאָס ייִנגל מוז זײַן פון די נאכט־גאנאָווים, ער האָט זיך דאָ געוויס ארײַנגעלאָזט דורך דעם קוימען.

— ווי קומט אהער איין ייִנגל, אָך, אָך!,— האָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב,— עס איז שוין אזוי געשווינד פארגעסן געוואָרן אין אזוי איין גיכע צײַט! נו זאָל זיך אײַך דאכטן, אז איך בין כײַציקל אליין. דאָס איז זיך אביסל געזאמט!



— א צאָרע מיר ניט געשען, אוי איין גזירע ,איין כורבן,— האָט די מוטער אָנגעהויבן צו שרײַען,— איך וועל דאָס ניט אויסהאלטן, איך בלײַב! וואָס איז דיר געשען? איין מאפּאָלע וואָלט איך זיך אף דיר ריכטן, ערשט אכט וואָכן נאָך דער כאסענע, און שוין אנטלאָפן.

— גאָר איין נײַעס, אנטלאָפן!— האָט כײַציקל געענטפערט, עפנדיק די טיר,— איך בין ניט אנטלאָפן, זיי אליין האָבן מיר באדונגען איין בריצקע מיט דרײַ פערד און האָבן מיר געהייסן פאָרן אהיים צו אײַך.

— אָבער אזוי גיך!— האָט זיך אָפּגערופן די מוטער, ברעכנדיק די הענט.

— ווי דען ווילסטו,— האָט כײַציקל געענטפערט,— שלעפּן זיך בעסער מיט מאסע אכט וואָכן, ווי איר מיט דארדעוואטע פערד! דו וואָלסט זען מײַן פורמאנקע, א פּאָר קאטעס מיט א ליידיקע בריצקע, מיר זײַנען געפלויגן קימאט אינדערלופטן.

— ווו איז דײַנע זאכן,— האָט אים די מוטער געפרעגט,— עס האָט דאָך אונדז געקאָסט אזוי פיל בלוט! אוי, איך בלײַב פאר צאָרעס!

— וואָס דארפט איר די זאכן, אבי איך בין דאָ אליין,— האָט ער געענטפערט און האָט זיך פאנאנדערגעוויינט,— וואָס צאפּט איר מיר די דאָמים [1], נישקאָשע, די זאכן זײַנען דאָרט דאָ אינגאנצן!

ועתּה, און איצט וועלן מיר דאָ לאָזן שטיין כײַציקלען מיט זײַנע געקרענקטע עלטערן, וואָס האָבן זיך געווונטשן דעם טויט און אים אויך, דען כוצדעם, וואָס זיי זײַנען דורך אים בעדאלעס געוואָרן, וואר נאָך די שאנדע גרויס אָן א שיר. גוטע פרײַנט וועלן צאר האָבן, און סאָנים וועלן דערפרייט ווערן. לאָמיר נישט שטיין דערבײַ און זען, ווי זיי גריזען זיך אויף איינער דעם אנדערן. מיר וועלן בעסער זען, ווי די זאכע איז צוגעגאנגען מיט כײַציקלען אליין אין בראָד.

קוים זײַנען די עלטערן אוועקגעפאָרן, און ר׳ שימשן מיט זײַנע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן ארומצוזען ארום כײַציקלען אליין. בא דעם ערשטן מאָל ריידן מיט אים אין לערנען האָבן זיי שוין גוט פארשטאנען, ווי דער באל־קויעך האָט זיי באטראָגן; דען זיי האָבן אין אים דערקענט אלע זײַנע כעסרוינעס אף איין מאָל, אז ער איז אָן קויעך און אָן איין מויעך, און איז דערצו איין גרויסער נאר און איין אקשן. אלע זײַנע פּשעטלעך, וואָס דער מויציטער האָט אים אויסגעלערנט, האָט ער זיי פארנוצט אין איין טאָג. ער האָט זיי אויסגעפּלוידערט איינע נאָך די אנדערע; האָט מען גלײַך פארשטאנען, אז דאָס זײַנען נאָר אויסגעשטעלטע.

אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך איין זוואָגער זײַנער מיט אים געאמפּערט אין איין שטיקל געמאָרע, און כײַציקל האָט געהיט דעם קלאל, וואָס דער מויציטער האָט אים איבערגעלאָזט, דאָס ער זאָל אלץ זאָגן: ניין, עס איז נישט אזוי, אדעראבע, פארקערט! האָט אים דער שוואָגער געזאָגט: דער „מהרש״א" [2] אָבער מאכט דאָך אזוי ווי איך זאָג. האָט כײַציקל אים געענטפערט: ניין, אדעראבע, דער מהרש״א מאכט גאָר פארקערט. האָט זיך דער שוואָגער אָפּגערופן: נו, לאָמיר אראָפּנעמען דעם מהרש״א און זען. האָט כײַציקל געענטפערט: אדעראבע, לאָז מען דעם מהרש״א נישט אראָפּנעמען און נישט זען. און ער האָט געמיינט, אז ער האָט געזאָגט א גרויסע כאָכמע, דאדורך לאכט מען.

1) דאָס בלוט. 2) (מארשאָ) א געוויסער פּיירעש אף געמאָרע.

אין אכט טאָג ארום האָט ער געדארפֿט שרײַבן איין בריוו צו דעם פֿאָטער, האָט ער געבעטן דעם נײַעם רעבן, דאָס ער זאָל אים שרײַבן א בריוו, האָט מען אים געוואָלט לאָזן לערנען שרײַבן, האָט ער נישט געוואָלט און האָט געזאָגט: דער מוי־ציטער האָט אויך נישט געקענט שרײַבן און האָט קיין זײַטיקע זאך נישט געוווּסט, פֿונדעסטוועגן איז ער געווען א רעכטשאפֿענער מענטש. און ער האָט נישט געקאָנט לײַדן, ווי מען רעדט דאָרטן האלב דײַטש, ער פֿלעג דאָס צו רופֿן פֿאָ גאָיעסקע. אין איין געזעלנשאפֿט פֿלעגט ער צו זיצן, ווי איין גוילעם, דען ער האָט נישט פֿארשטאנען קיין וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט. אויסער דעם האָט ער ניט געוווּסט צו גיין ריין ארום זיך; די האָר שטענדיק פֿול מיט פֿעדערן און נישט אויסגעקעמט, און ווען ער האָט גע־רעדט, האָט ער זיך געשאָקלט און געקראצט, און פֿאר אײַן קריסט פֿלעג ער זיך דער־שרעקן און באהאלטן. בײַ טיש פֿלעג ער אנשלאָפֿן ווערן, ווי איין קליינער ייִנגל. און דאָך האָט נאָך דער ר׳ שימשן געוואָלט מאכן פֿון אים איין מענטש. ער האָט אים גע־דונגען איין גוטן מעלאמעד מיט גוטע לערער און פֿלעג אים אליין מאדריך צו זײַן [1], ער האָט אָבער אין די ערשטע צוויי וואָכן שוין גוט פֿארשטאנען, אז עס איז אף אים אומזונסט די מי מיט די ארבעט. דערצו האָט אים דאָס ווײַבל שטארק פֿײַנט גע־האט און האָט אים געהאסט, ווי דעם טויט. אין גאנץ בראָד האָט מען אים גערופֿן דער פֿײַנע־בעריע פֿון לינאָווע, אָדער ר׳ שימשנס אילוי, און נאָך אזעלכע שפּאס־נעמען, אז דאָס ווײַבל האָט זיך געשעמט צו שטיין אין זײַנע פֿיר איילן.

נון, האָבן שוין די איידעמס מיט די זין אָנגעהויבן ארײַנצוריידן אין דעם אלטן, אז ער זאָל ראכמאָנעס האָבן אף זײַן טאָכטער און זאָל פֿון דיזן שווײַן־קערל נעמען געט, איידער זי וועט ווערן מובערעס פֿון אים. דער אלטער האָט אפילע נישט גע־וואָלט; עס זײַנען אָבער צוגעשטאנען צו אים גרויסע לײַט און האָבן אים איבערגע־רעדט. און בײַ כײַציקלען האָט מען דאָס זייער לײַכט געפּועלט. די שוועגער האָב אים געוויזן אַיין בריצקע מיט צוויי שיינע פֿערדלעך און האָבן אים געפֿרעגט: כײַציקל ווילסט פֿאָרן אהיים? דאָ איז דאָ איין ווילע פֿור, וואָס פֿאָרט ליידיק און לויז קיין לינאָווע. — און ווי נאָך: האָט ער געענטפֿערט, — גוט, — האָבן זיי געזאָגט, — טאָמער וועסטו אָבער שוין ניט קומען צוריק? — נאט אײַך א האנט, אז איך וועל יאָ צוריק קומען, — האָט ער זיי געענטפֿערט. — מיר גלויבן דיר אָבער נישט, — האָבן זיי צו אים געזאָגט, מיר ווילן דיך האָבן אין דער האנט. דו זאָלסט דײַן ווײַב געבן געט, און ווען דו וועסט נישט צוריק קומען אין א פּאָר כאדאָשים ארום, וועלן מיר איר אוועק־געבן צו איין אנדערן פֿאר איין ווײַב. — פֿאָטער, — האָט ער געענטפֿערט, — איך וועל נאָך אפילע פֿריִער צוריק קומען.

קורץ דערפֿון, — דער פֿורמאן האָט צוגעטריבן, און אונדזער כײַציקל האָט זײַן ווײַב געגעבן געט גיך און באלד, און ער האָט נישט מיטגענומען קיין שום זאך, דען ער האָט זיך גערעכנט, דאָס ער זאָל באלד צוריקקומען, און איז אוועקגעפֿאָרן לעשאָלעם אהיים. און ער איז נאָך מיט א פּאָר וואָכן געקומען פֿריִער אהיים, ווי זײַנע עלטערן פֿון זײַן כאסענע, און האָט זיי געעפֿנט די טיר, ווי מיר האָבן שוין פֿריִער דער־ציילט, אז ער האָט זיך אף זיי געבייזערט, פֿארוואָס זיי האָבן זיך אַזוי לאנג גע־זאמט, און האָט זיי דערציילט, דאָס ער איז שוין א גאָרוש [2] אויך.

1) לערנען, דערציִען. 2) א געגעטער.



נון, וועלן מיר זיך אומקערן צו כײַציקלס עלטערן, וואָס זײַנען אויסן זינען גע־וואָרן הערנדיק.

ביום ההוא, אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס זיי זײַנען געקומען צו פֿאָרן פֿון דער כאסענע און וואָס זיי האָבן נאָך געדארפֿט ענטפֿערן הונדערטער מענטשן: מיט מאזל זאָלט איר לעבן, אף דעם מאזלטאָוו, וואָס מען האָט זיי געגעבן, און איין אנדערן האָט מען נאָך געדארפֿט מעכאבעד זײַן אויך. דערצו האָבן זיי געמוזט שיקן איין מענטש קיין בראָד אָפּצונעמען די קליידער מיט די כאטאָנעס און די שלישים ארויסצונעמען, עס האָט געקאָסט געגנוג מי און הויצאָעס, אויסער כארפּעס און בושעס. עס האָט דערמיט גערוישט פֿון לינאָווע ביז בראָד, און מען האָט דעם יונגנמאן איין נאָמען גע־געבן „כײַציקל אליין“. און דאָס האָט ר׳ שמערלען אראָפּגעזעצט פֿון טראָפּ; ער איז אזוי קורץ געקומען [1], אז ער האָט געמוזט זיצן. מיט די טעכטער האָט ער שוין געטאָן שידוכים מיט פּראָסטע יונגע־לײַט. איינער וואר איין שרײַבער, דער צווייטער וואר איין פּוטער־הענדלער, און זיי האָבן זייערע ווײַבער ערלעך און אָרנטלעך ערנערט. און כײַציקל איז אָבער אים געבליבן איין איבּיקער הויקער. ער האָט אים נאָכאמאָל כאסענע געמאכט מיט איין אָרעם מיידל און האָט אים גענומען צו זיך אף קעסט.

צוויי יאָר נאָך דיזער מאפּאָלע האָט זיך נאָך ר׳ שמערל גראנגלט אלץ מיט זײַן גליק. עס האָט זיך אים אלץ נאָך געוואָלט שפּילן די ראָלע פֿון איין גוויר. ער איז אָבער געוואָרן א גרויסער יוירעד [2], אז ער האָט שוין די אָרעמקייט גאָר ניט געקאָנט באהאלטן פֿון דעם אוילעם, אין ערשט האָט ער כאראָטע געהאט, וואָס ער האָט זײַן פֿאבריקל אָפּגעלאָזט און האָט אָנגעהויבן גיין אין גדוילעס.

דער ווארער סייכל אָבער קומט אלעמאָל צו שפּעט, ווי אָפּט איין כאָסן צו דער קאלע. ער פֿלעגט אימער שילטן דעם מויציטער, די שאדכאָנים; ער פֿלעגט צו גריזען דאָס ווײַב, וואָס זי האָט אים דערצו צוגערעדט. ער האָט איר געגריזעט, ביז זי איז, נעבעך, קראנק געוואָרן און איז אוועק פֿון דער וועלט פֿאר דער צײַט. און ער האָט נאָך איר אויך נישט לאנג געלעבט. ער איז, נעבעך, געשטאָרבן אין העקדעש. און כײַציקל דער אילוי, דער בען־גוויר [3] איז געבליבן א קאפּצן, איין נישט, איין נאר, אָן טוירע, אָן כאָכמע, אָן מעלאָכע און א מעטוילל מיט קינדער. פֿאר גרויס ראכמאָנעס האָט מען אים געמאכט פֿאר איין סטראזשניק. ער האָט אָבער דערצו אויך ניט געטויגט, האָט ער געמוזט לעבן פֿון קיצווע [4]. און אז די קינדער פֿון שטאָט האָבן אים גע־זען, פֿלעגן זיי אים נאָכשרײַען: „כײַציקל זויין, כײַציקל אליין!“. און דיזער נאָ־מען איז אים געבליבן ביז אין זײַן טויט.

כן אחרית הכסילים, אזוי איז דער סאָף פֿון נאראָנים, וואָס פֿירן איין צו גרויסע ראָלע אין דער וועלט, וואָס שעמען זיך מיט זייער מעלאָכע און ווילן זיך פֿירן ווי גווירים. ניין, שלמה המלך עליו השלום האָט געזאָגט (טוב איש נקלה ועבד לו ממתכבד ואין כל) עס איז פֿיל גלײַכער צו זײַן בײַ זיך איין קנעכט אלס זיך צו האלטן גרויס און זײַן אָרעם און בלויז.

דער פּאָסעק זאָגט אין קהלת (ראה חיים עם אשה אשר אהבת) דו זאָלסט זען צו לעבן מיט דער פֿרוי, וועלכע דו האָסט ליב. זאָגט דערויף דער מעדרעש (אמר

1) פֿארענגט, פֿאראָרעמט געוואָרן. 2) א מאטעריעל־געפֿאלענער. 3) א גווירס א זון. 4) פֿון גע־שענקט ברויט.

רבי משום עדה קדושה קנה לך אומנות עם התורה), דאָס הייסט: צו די טוירע, וואָס דו ליבּסט, זאָלסטו דיר לערנען איין מעלאָכע. נון, זאָגט דער מעדרעש דאָרט ווײַטער (למה קורא אותן עדה קדושה שהיו משלשין היום, שליש לתורה, שליש לתפלה, שליש למלאכה): פאַרוואָס האָט זיי רעבּע גערופן מיט דעם נאָמען הייליקע איידע? ווײַל זיי פלעגן צעטיילן דעם טאָג אין דרײַ גלײַכע טיילען: איין דריטל האָבּן זיי פאַרבּראַכט אין טוירע לערנען, איין דריטל מיט טפילע, און איין דריטל מיט איין מעלאָכע. און אזוי קאָנען מיר געפינען וויפל מאמאָרים אין געמאָרע און אין מעדרעש, דאָס מע מוז האָבּן איין מעלאָכע אין דער האַנט. און יעדער מענטש זאָל מעגאַדעל־זײַן [1] זײַנע קינדער, דאָס די וועלט זאָל דערפון האָבּן א טויעלעס [2], דאָס ער זאָל נישט זײַן קיין ליידיקגייער, איין פרעסער און איין שנאָרער. נאָר געלויבּט איז דער אייבּיקער, אז אונדזערע צײַטן שעמען מיר זיך שוין נישט מיט קיין מעלאָכע. בּאַל־מעלאָכעס ווערן רײַך, פאַרלאָזן זיי נישט זייערע מעלאָכעס.

אויך די מעלאמדים אין אונדזערע יאָרן האָבּן זיך גאָר אינגאַנצן אומגעענדערט צו גוטן. מיר האָבּן שוין מער ניט אונטער זיי קיין מויציטער, קיין כײַציקל. פון זיי זײַנען דאָ בּאַלע־טאַלמוד [3], בּאַלע־מיקרע [4], בּאַלע־דיקדעק [5], און ווייסן, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט און ווייסן שוין צו לערנען מיט קינדער מיט איין גוטן סיידער און לאָזן אָפּ צײַט, דאָס די קינדער זאָלן לערנען אַנדערע קענטעניסן און וויסנשאַפטן.

נון, מײַנע טײַערע לעזערן, דו האָסט זיך פילײַכט פון דיזער געשיכטע אָנגעלאַכט, דאָך אָבּער זײַ וויסן, דאָס ניט דערפאַר אליין איז זי געמאַכט געוואָרן. מיר מיינען,

דאָס דו זאָלסט ווערן דורכדעם א קלוגע מוטער,
דאָס עס זאָל פון דיר ארויסקומען איין זון איין גוטער,
דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס זאָל אַף דער וועלט נישט עסן אומזיסט,
און זאָל נישט זײַן ליידיק און וויסט,
דען וועלכער עס טוט זיך ערלעך גענערן,
דעם טוט די גאַנצע וועלט ערן.

1) דערציִען. 2) נוץ. 3) געמאָרע-לערנער. 4) בּיבּל-לערנער. 5) העבּרעיִשע גראַמאַטיקער.



# אווראָם-בּער גאָטלאָבּער

(1899 — 1811)

אווראָם־בּער גאָטלאָבּער (אבּ״ג) איז געבּוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין (געוו. וואָלינער גובּערניִע) דאָס יאָר 1811. זײַן פאָטער איז געווען כאַזן און קאָהאָל־שרײַבּער אין שטאָט. זײַן ערשטע דערציִונג האָט אבּ״ג געקריגן אין כאַדאָרים; שפּעטער האָט מיט אים דער פאָטער געלערנט דיקדעק, וואָס בּא פרומע ייִדן איז שוין דאָס גופע געווען אָפּגעפרעגט. צו 14 — 15 יאָר האָט מען אים כאַסענע געמאַכט, און ער האָט געגעסן קעסט בּאַם שווער, א רוזשינער כּאָסיד, אין טשערניכאָוו. דאָרט ווערט ער אויך א הייסער כאָסיד, טוט זיך ארײַן אין קאַבּאָלע, זאָגט כסידעס און ווײַזט ארויס גרויסע פעיִקייטן. נאָך דעם רעקרוטן־אוקאַז (1827), אויס מוירע פאַר כאַפּערס, פאַרלאָזט ער מיטן פאָטער רוסלאַנד און וואַנדערט א שטיק צײַט איבּער גאַליציע. דאָרט, אין טאַרנאָפּאָל, בּאַקענט ער זיך מיט דעם געוויסן יאָסעף פּערל, און אונטער זײַן ווירקונג הייבּט ער זיך אָן פלײַסיק אָפּצוגעבּן מיט וועלטלעכער בּילדונג. ער פאַרלירט זײַן פאָטער, קערט זיך אום צוריק קיין טשערניכאָוו, אָבּער דאָ פאַרמאַסערט מען אים פאַר אַפּיקאָרסעס, און דער שווער גט אים אָפּ. זײַנע קרויווים מאַכן אים כאַסענע א צווייט מאָל, קעדיי צו דערהאַלטן אים בּא ייִדישקייט, אָבּער ער קאָן שוין אין דער סוויווע מער ניט בּלײַבּן, ער גט אָפּ די צווייטע פרוי און הייבּט אָן ווידער צו וואַנדערן. אין בּאַר, אָדעס, קעשעניעוו, דובּנע א. אז. וו. בּאַקענט ער זיך מיט אָנגעזעענע מאַסקילים, שטודירט דײַטש, לעבּט פון לערערײַ אין פאַרמעגלעכע הײַזער. אין 1832 יאָר קומט ער צו ייִצכאָק־בּער לעווינזאָן קײַן קרעמענעץ און ווערט רי״בּל׳ס א הייסער אָנהענגער. ער האָט כאַסענע דאָס דריטע מאָל, בּאַזעצט זיך אין דובּנע, פירט פּראָפּאַגאַנדע פאַר האַסקאָלע. שפּעטער, אָנהייבּ די 40־ער יאָרן, ווען ליליענטאַל פאָרט ארום איבּער ייִדישע שטעט (אַף דעם אויפטראָג פון בּילדונג־מיניסטעריום) וועגן דער רעפאָרמע פון ייִדישן שולוועזן, העלפט ער ליליענטאַלן. א מענטש שוין מיט א פאַמיליִע, האַלט ער דאָס יאָר 1851 עקזאַמען בּא זשיטאָמירער ראַבּינער־שול און קריגט א לערער־שטעל אין א ייִדישער קרוינשול אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דערנאָך אין אַלט־קאָנסטאַנטין. ער לעבּט אין גרויס דאַכקעס, איז זיך מישטאַדל צו קריגן א לערער־שטעל אין זשיטאָמירער ראַבּינער־שול, אָבּער דאָס געראָט אים ערשט דאָס יאָר 1865. נאָכדעם ווי די ראַבּינער־שול ווערט פאַרמאַכט (1873), בּלײַבּט ער אָן בּרויט, וואַנדערט ווידער איבּער רוסלאַנד, גאַליציִע, רומיניִע, שפּעטער אָן אין ווין, לאָזט ארויס פאַרשיידענע העבּרעיִשע ווערק, רעדאַקטירט פון 1876 א זשורנאַל „הבוקר אור“, לעבּט פון שרײַבּן, לערערײַ, שאַדכאָנעס, פון ארומגיין איבּער פאַרמעגלעך־הײַנטוועלטיקע הײַזער מיט זײַנע כיבּורים, פון זײַנע גוטע פרײַנטס און טאַלמידימס גאָבּ. פאַר זײַן לאַנג וואַנדער־לעבּן טרעפט ער זיך מיט די אָנגעזעענסטע העבּרעיִשע

# אײַזיק־מייער דיק
(1893—(1 ? 1814)

א. מ. דיק איז געבוירן אין ווילנע. גענוי די דאטע פון זײַן געבוירן איז נישט באקאנט; פארשידענע ביִאָגראפן גיבן אָן פארשידענע יאָרן: פון 1803—ביז 1815. זײַן פאָטער איז געווען א טוווע־הענדלער, א פרומער ייִד (כאזן אין א שולכן) און ער האָט דערצויגן דעם זון פרום־ייִדישלעך אין כיידער און בא דער געמאָרע. א. מ. דיק האָט פרי כאסענע געהאט קײַן זופראן. זײַן ערשטע פרוי איז אים פרי פארשטאָרבן, און ער האָט כאסענע א צווייט מאָל קיין נעסוויזש, געווען א שטיק צײַט אן אײדעם אף קעסט. אין נעסוויזש האָט ער זיך באקאנט מיט א קאטוילישן גײַסטלעכן און שטילערהייט געלערנט בא אים דײַטש. שפעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט אביסל רוסיש און פויליש אויך. א לאמדן אין ייִדישן זינען איז ער געווען שוין פון די יוגנט־יאָרן.

סאָף די 30־ער יאָרן האָט ער זיך באזעצט אין ווילנע און דאָ געלעבט די ערשטע צײַט פון געבן העברעיִשע שטונדן. ער איז געווען איינער פון די פּיִאָנערן אין דער האסקאָלע־באוועגונג אין ווילנע; באטייליקט זיך אין צונויפשטעלן דעם מעמאָראנדום וועגן פארבאָטן די אלטפרענקישע ייִדישע קליידונג (1843), קאָרעספאָנדירט מיט דעם בילדונג־מיניסטער אווואראָוו וועגן דער ייִדישער שול־רעפאָרמע א. אז. וו. פאר זײַן האסקאָלע־פּראָפּאגאנדע איז ער אסאך אויסגעשטאנען פון ווילנער אָרטאָדאָקסן: מע האָט אים פארמאסערט צו דער מאכט, און א קורצע צײַט איז ער געזעסן ארעסטירט. שפעטער איז ער געווען לערער אין דער ערשטער ייִדישער מאָדערנער פאָלקסשול, וואָס איז געגרינדעט געווען אין ווילנע דאָס יאָר 1841. אזוי ווי א גרויסער טייל פּיִאָנערן פון דער האסקאָלע האָט זיך א. מ. דיק געפירט באלעבאטיש־ייִדישלעך, געהאלטן, אז האסקאָלע קאָן און דארף זיך פאָרן מיט א „געלײַטערטער" עמונע. ער האָט געלעבט אלע זײַנע יאָרן אין דאכקעס, דערהויפּט איז זײַן לאגע שווער געוואָרן, ווען ס'האָט זיך פארמאכט די שול, ווו ער איז געווען לערער. ער לעבט פון זײַנע פילצאָליקע מײַסע־ביכלעך; דאָס קלעקט אָבער נישט אף דעם באשיידנסטן לעבן, און זײַן פרוי העלפט אים צו מיט סאָכרערײַ און טענדלערײַ. די לעצטע יאָרן פון זײַן לאנג לעבן פאלט ער ארײַן אין שווערער נויט. גוטע פרײַנט ווענדן זיך צו דער כעוורע „מפיצי השכלה" אין פעטערבורג נאָך שטיץ פאר דעם אלטן, קראנקן, פארדינטן פאָלקס־שרײַבער, קריגן אָבער גאָרנישט. א שטילער, א באשיידענער האָט א. מ. דיק אָפּגעלעבט א לאנג לעבן אין ארבעט און אין נויט און איז שטיל אויסגעגאנגען אין ווילנע דאָס יאָר 1893.

1) זע: פ. קאָן „ווען איז געבוירן געוואָרן אײַזיק־מייער דיק" אין פילאָלאָגישע שריפטן פונעם ייִד. וויסנש. אינסטיטוט", ב II, ווילנע, 1928, (ז. 329—344).



פאר ליטעראטור האָט זיך א. מ. דיק גענומען זייער פרי, מיסטאָמע נאָך אין די 40־ער יאָרן. ער האָט אָפּגעדרוקט א פּאָר ביכלעך אף העברעיִש („מס' עניות", „האור, מחזה מול מחזה", „זפרונה"), איז אָבער גרינגיכן אריבער צו ייִדיש און האָט אָפּגעארבעט אין דער ייִדישער ליטעראטור בא 40 יאָר (געכאסמעט: „אמ"ד", אָפטמאָל אנאָנים). זײַנע ערשטע ווערק זײַנען געדרוקט נאָך אין די 50־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. אין די 60־ער, 70־ער יאָרן איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער ייִדישער דערציילער, דערהויפּט אין ליטע, אין רײַסן.

א בען־דאָר, איינער מוישע־קאלמן לאנדע, א געוועזענער שילער אין דער ווילנער ראבינער־שול, שרײַבט, אגעוו, וועגן דיקן [illegible] יאָר 1868 (אין א קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ"): „און איידער איך וועל ענדיקן מײַן איצטיקן בריוו קאָן איך זיך נישט אײַנהאלטן נישט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מײַן פרײַנט דעם געבילדעטן און ייִדישן שרײַבער אײַזיק־מייער דיק (איש אמ"ד). דער דאָזיקער מאן מיט זיך פון זײַן יוגנט אָן ביז הײַנט פאר דעם ייִדישן האמוין אופצוקלערן אים און צוציִען זײַן הארץ מיט אינטערעסאנטע דערציילונגען. ער שוינט נישט זײַן צײַט און זײַן פען און מיט זײַן גרויסער באשיידנקייט וויל ער זײַן צווישן די דערלוי[illegible]אַגנסטע און געפאלנסטע. ער הייבט אוף א קריטישע בײַטש אין אלע זײַנע דערציילונגען (געשריבן אף ייִדיש־דײַטש) און מיט דער רוט פון זײַן מויל שמײַסט ער אלדאָס שלעכטס, נארישקייט און פאלשע אײַנרעדענישן. ער לאָזט הערן זײַן פאָלק זײַן שטראָף מיט קלוגשאפט און פארשטאנד אזויווי יענער דאָקטער, וואָס פארשטייט צו פארזיסן דעם רעצעפּט. ער האָט פײַנט שרײַבער־קאָוועד, וויל נישט ארויסשטעלן זײַן נאָמען, דעריבער באהאלט ער זיך (זײַן נאָמען, נ. ש.) אפילע אין זײַנע העברעיִשע ווערק".

לאנדע רופט ווײַטער אָן אייניקע העברעיִשע ווערק דיקס, דערציילט, אז דיק קלײַבט מאטעריִאל פאר א לעקסיקאָן („אוצר מלים") פון טאלמוד, מעדראָשים א. אז. וו. אין א באמערקונג רעכנט לאנדע אויס 55 געדרוקטע דיקס ווערק, וואָס ער האָט געלייענט (ביז 1868) און גיט צו: „און נאָך אסאך אזוינע, וואָס זײַנען געבויט אף קריטיק" (געזעלשאפטלעכער. נ. ש.)1). די פּאָפּולערקייט פון זײַנע מײַסעס איז געווען אזוי גרויס, אז אינמיטן די 60־ער יאָרן האָט ראָמס דרוק געשלאָסן מיט אים אן אָפּמאך, און ער איז געוואָרן דער מײַסע־צושטעלער פאר דעראָזיקער דרוק, פלעגט צושטעלן בעערעך א דרוקבויגן א וואָך און קריגן דערפאר ביז 6 רובל. ער איז געווען דער פרוכפּערדיקסטער ייִדישער שרײַבער. זײַן ליטערארישער אינווענטאר איז ביז הײַנט נאָך נישט גענוי פעסטגעשטעלט; מע שאצט די צאָל דיקס ביכלעך פון 300 ביז 400. זיי זײַנען אסאך מאָל איבערגעדרוקט געווען. אין דעראָזיקער צאָל איז פאראן אייגנס און איבערגעארבעטס, צומײַנסטן קורצע מײַסעס פונעם ייִדישן לעבנשטייגער, אויך באשרײַבונגען פון היסטאָרישע געשעענישן אין ייִדישן לעבן, נאָענסטע און ווײַטע, ראָמאן־ארטיקע זאכן, אנעקדאָטן, וויצן.

אין זײַנע ווערק איז דיק א לערער און פאָלקספרײַנט. צומײַנסטנס האָבן זײַנע ווערק דעם צוועק אופצוקלערן דעם ברייטן אוילעם אף די פעלערן פונעם ייִדישן לעבן: שלעכטע דערציִונג, רעליגיִעזער פאנאטיזם און פארפרעמדטקייט צו א וועלט, דאָס יאָגן זיך נאָך געלט און קאָוועד, ייִכעס און געלט־שידוכים א. ד. גל. ער האָט זיך זײַן באלע־

1) זע: משה קלמן בן דוב בער לנרא „עלה נדף" אין „המליץ" 1868, נומ. 24.

באטישן אידעאל פונעם לעבן: בילדונג און וויסן, געפּאָרט מיט „וואָרער עמונע", ערלעכקייט אין האנדלען און אין לעבן, באשיידנקייט, פרייַנטלעכקייט צו מענטשן, שטיל, ערלעך פאמיליִענלעבן. די צירונג פון דער פרוי איז „הערצנס־בילדונג, וואָרע יראת־שמים, מדות טובות, צניעות, דרך ארץ, טרייַשאפט צום מאן... א קלוגע ווירטן אין הויז, א קלוגע און גוטע מוטער צו קינדער און ביפראט נאָך צו שטיפקינדער". פון דעם קוק לאכט ער אויס און זאָגט מוסער דער הייַנטוועלטיקער פרוי, וואָס איז פארנומען מיט זיך און מיט מאָדעס. ער האָט אָבער אן אויג פאר דאָס סאָציִאלע אין לעבן אויך.

ער באשרייַבט די וויסטע יִדישע פּארנאָסעס, נאָך מער—דאָס ליידיקגייערייַ, און לערנט, אז מע דארף זיך נישט שעמען מיט ארבעט; פארקערט: ארבעט איז א מאָראלישער, א געזעלשאפטלעכער מוז, א צירונג צו „חכמה" און „תורה". שוין אין איינער פון זייַנע ערשטע מייַסעס „כייַציקל אליין" (ווארשע, 1864, א מין יִדישער Недоросль) ווייַזט ער דעם אומקום פון א יִדישער פאמיליִע, און די וויכטיקסטע סיבע איז דאָ, וואָס מע האָט פארוואָרפן ערלעכע ארבעט און א באשיידן לעבן און מע האָט זיך געיאָגט נאָך האנדל, נאָך געלט און יִיכעס. אָבער א „בעקאָוועדיקער סויכער" איז אין דערדאָזיקער סכעמע אויך זייער אָנגעלייגט. ער מוז אָבער פארשטיין צו האנדלען ערלעך, זיך ניט יאָגן נאָך אשירעס, לעבן נאָך די מיטלען נאָך און דערציִען זייַנע קינדער „צו גאָט און צו לייַט" („תורה" און „חכמה").

א. מ. דיק באהאלט נישט דעם מוסער־האסקל פון זייַנע מייַסעס. פארקערט, ער פּראָקלאמירט דאָס אָפן: אסאך מאָל טרפען מיר פּאָרעדעס צו דער „טייַערער לעזערן" (ער ווענדט זיך דורכויס צו דער לעזערן, נישט צום לעזער; ס'איז א שטיק טראדיציִע, און פרויען זייַנען געווען פאקטיש די אודיטאָריִע פון דער יִדישער ליטעראטור יענע יאָרן און נאָך אסאך שפּעטער). אין דידאָזיקע פּאָרעדעס דערציילט ער ביטמימעס, אז די מייַסע איז געשריבן מיט א באשטימטן מיין: צו ווייַזן די מייַלעס פון א גוטער דערציִונג, פון א באַשיידן לעבן, פון ערלעכער ארבעט, די נארישקייט פון יאָגן זיך נאָך יִיכעס, נאָך געלט א. אז. וו. דאָסזעלבע זאָגט ער נאָך אָפטמאָל אין נאָכוואָרט צו דער מייַסע, מיט גראמען דערצו. ער פארופט זיך אף דעם אווטאָריטעט פון די „חכמים", ברענגט דורכאנאנד פסוקים, מעמרעס פון דער געמאָרע א. אז. וו. מיט געוויסע סענטענצן, וואָס שטימען מיט דעם צוועק פון זייַן דערציילונג. אמאָל ציט ער אריַין א פּאָסעק פון די „חכמי אומות עולם" אויך.

ער האָט אָבער אלעמאָל א סיוזשעט, גענומען צומייַנסטנס פון דעם רעאלן לעבן, אָפטמאָל א געשפּאנטע אינטריגע (פון דער פרעמד), און קאָן פארינטערעסירן די „לעזערן". ער איז דער „לעזערנס" א פרייַנט, וויל זי פארהיטן און פירן מיט זייַן געניטשאפט און קענען א וועלט. דער גוטמוטיקער טאָן, אָפטמאָל סענטימענטאל, פאָלקסווערטלעך, וויצן, אמאָל אייַנגעהאלטענער הומאָר, וואָס דיק פארווירצט דערמיט דעם מוסער־האסקל, האָבן אים באליבט געמאכט בא דער „לעזערן": דיקן האָט מען געלייענט, און ער האָט געווירקט.

אָנגעהויבן האָט דיק צו שרייַבן אף א ריינעם פאָלקסטימלעכן ליטווישן יִדיש מיט דעם גאנצן שפּראכלעכן פאָלקלאָר פון דעמדאָזיקן דיִאלעקט: פאָלקס־אויסדריקן, ווערטלך, וויצן. שפּעטער איז אים צו זייַן גרונט־טענדענץ,—„באלערן" דעם לייענער,—צוגעקומען נאָך איינע,—„אויסלייַטישן" די „מארקשפּראך", און ער



האָט פארדאָרבן זייַן שפּראך מיט דייַטשמעריזמען (דיקס שפּראך איז דעריבער פארשעמט געוואָרן פאר דייַטשמעריש), אויך מיט רוסיציזמען, וואָס ער פארטייַטש זיי אָפטמאָל אף אן אייגענעם שטייגער. אָבער אפילע אין דערדאָזיקער פארדאָרבענער פאָרמע פארמאָגט דיקס שפּראך אסאך קערנדיקן מאטעריאל פון דעם פאָלקסטימלעכן יִדיש יענע צייַט: די שפּראך פונעם פאָלקסמענטשן, פון [illegible]נם „יודע ספר" א. ד. גל.

אן אויסגעצייכנטער קענער פונעם יִדישן פאָלקסלעבן, האָט דיק דאָס פארקערפּערט אין זייַנע ווערק, און דיקס ליטעראַרישע יערושע איז א וועגווייַזער צום ליטווישן יִדישן לעבן פון זייַן צייַט: פּארנאָסעס, „לערנען", בילדונג, דערציִונג, פאמיליִען־לעבן, זיטן, שטייגער, קליידונג, פארווייַלונג א. אז. וו.

איך ברענג דאָ דעם טעקסט פון דיקס „כייַציקל אליין" (ווארשע 1864, איבערגעדרוקט ווילנע 1887), אביסל געקירצט.

איך דארף דאָ נאָך וואָרענען קעגן אן איבערדרוק פון אייניקע דיקס „געקליבענע ווערק", מיט ד. קאסעלס רעדאקציִע, 2 בענד, ווארשע 1922: ד"ר ווייַנרייַך האָט שוין געוויזן, ווי אזוי דער רעדאקטאָר האָט „געצענזערט" א. מ. דיקן („ביכער־וועלט", ווארשע, 1922, העפט 4—5).

ליטעראטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער יִדישער ליטעראטור, פּרעסע און פילאָלאָגיִע, ב. I ווילנע 1926.